# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................6:55
מוצאי שב"ק.....................8:23

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................אסתר ט'-י'
בבלי.......................חולין קט"ז
ירושלמי...............תרומות י"ז
תוספתא..........שביעית פרק ח'
רמב"ם.............קרבן פסח ח'


פרשת צו, ט"ז אדר ב', שנת תשע"ט לפ"ק | שנה 8, גליון 28 (388)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**הוּא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה**, דָאס אִיז דִי עוֹלָה וָואס בְּרֶענְט אוֹיפְ'ן מִזְבֵּחַ אַ גַאנְצֶע נַאכְט. מוֹהַרָא"ש זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ט) אַז יֶעדֶער מֶענְטְש אִיז אַ קְלֵיינֶע וֶועלְט, אוּן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, פַּאסִירְט אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְש, אוּן דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט אַז פוּן אָנְהֵייבּ אִיז דִי וֶועלְט גֶעוֶוען טוּנְקֶל אוּן פִינְסְטֶער, "**וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן לִיכְטִיג, דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶער מֶענְטְש פִילְט אַסַאךְ מָאל בַּיי זִיךְ אַז עֶס אִיז טוּנְקֶל בַּיי אִים, עֶר פִילְט נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיוּת, עֶר פִילְט אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר וֵוייסְט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן. דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן, אַז דַוְקָא דֶעמָאלְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִילְט אַזוֹי, אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וָואס עֶר קֶען דֶעמָאלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דָאס אִיז דִי עִיקָר מַעֲלָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער אַ מַלְאָךְ, אַז עֶר קֶען אַרַיינְכַאפְּן צוּ טוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז אִים טוּנְקֶל אוּן שְׁוַוארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּג מַלְאָכִים וָואס בְּרֶענְגֶען פַאר אִים שְׁטֶענְדִיג אָן אוֹיפְהֶער, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִידוּשׁ. דֶער חִידוּשׁ אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ שְׁוֶוערִיקַייטְן, אוּן עֶר פִילְט וִוי עֶס אִיז אִים שְׁוַוארְץ פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן, כַאפְּט עֶר אַרַיין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַהֲרֹן וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִיק, זָאגְט פַאר דִי אִידְן, **זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה**, דָאס אִיז דִי וֶועג אַרוֹיף צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הוּא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה**, דִי עִיקָר צַייט וֶוען דוּ קֶענְסְט בְּרֶענְגֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז בַּיינַאכְט וֶוען עֶס אִיז דִיר אִינְגַאנְצְן טוּנְקֶל. דַוְקָא דֶעמָאלְט, אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ דֶעמָאלְט שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, בִּיסְטוּ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז, **וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ**, אַז דֶער פַייעֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט בְּרֶענֶען אִין דִיר.

מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז דִי וָוארְט "מוֹקְדָה", שְׁטֵייט מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען וִויל בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי, אוּן נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי גְרֶענִיצְן. דָאס מֵיינְט אַז אַמָאל קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט אַן אַנְדֶער וֶועג צוּם מֶענְטְשׁ, עֶר מַאכְט אַז עֶר זָאל וֶועלְן גָאר שְׁטַארְק בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל וֶועלְן טוּן זַאכְן וָואס זֶענֶען אִיבֶּער זַיינֶע כּוֹחוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי נָאכְדֶעם זֶעט עֶר אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר גֶעבְּט אַלֶעס אוֹיף, אוּן טוּט מֶער גָארְנִישְׁט.

דֶערְפַאר שְׁטֵייט "מוֹקְדָה", מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, אַז דָאס בְּרֶענֶען דַארְף זַיין מִיט אַ גְרֶענִיץ, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן, אוּן אִיךְ טוּ עֶס. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט מַיין טַלִית וּתְפִלִין, מִיט מַיין עֶסְן כָּשֵׁר'ס, מִיט מַיין הִיטְן שַׁבָּת, אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרִינְגֶע זַאכְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְדֶעם הֶעלְפְן אַז אַלֶעס וֶועט שׁוֹין נָאכְקוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק צו תשמ"ט לפ"ק)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שׁוּשַׁן פּוּרִים

אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעפָארְן אוֹיף פּוּרִים צוּם רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס מְסִירַת נֶפֶשׁ. דֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה ע"ה. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ לַאנְגֶע אוּן שְׁוֶוערֶע וֶועג צוּ פָארְן, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צַייטְלִיךְ קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. עֶר הָאט פַארְפַאסְט דִי מְגִילָה לֵיינֶען פוּן רֶבִּי'ן דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט.

בַּיינַאכְט וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעטַאנְצְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט בַּיים רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "מַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ - נָתָן, וָואלְט אוֹיךְ גֶעגְלוּסְט אוּן גֶעוָואלְט זִיךְ מִיטְפְרֵייעֶן דָא מִיט אַייךְ, עֶר וֶועט אָבֶּער פַארֶענְדִיגְן דִי שִׂמְחַת פּוּרִים אוּם שׁוּשַׁן פּוּרִים".

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז שְׁפֶּעטֶער אָנְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט גֶעקְרֶעכְצְט אַבִּיסְל פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז זַיין פּוּרִים אִיז אִים גֶעוֶוען צוּשְׁטֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעהֶערִיג פְרֵייעֶן אוּם פּוּרִים, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים"...


<<<<<<


## א גוט ווארט

בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קֵיינֶעם; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): "דְּרָחִים רַבָּנָן הָוֵי לֵיהּ בְּנִין רַבָּנָן", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "דְּמוֹקִיר רַבָּנָן הָוֵי לֵיהּ חַתְנוּתָא רַבָּנָן", אוּן וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֵיידֶעמֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

וַוייל אַז קִינְדֶער הֶערְן שְׁטֶענְדִיג פוּן זֵייעֶר טַאטֶע וִוי עֶר אִיז מַחְשִׁיב יֶעדְן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועלְן זֵיי זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן בִּיז זֵיי וֶועלְן וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי אוֹיךְ אַז דִי טֶעכְטֶער הֶערְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ וִוי מֶען רֶעדְט שֵׁיין פוּן אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועלְן זֵיי וֶועלְן אַז זֵייעֶרֶע מֶענֶער זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן בִּיז זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, מַה שֶּׁאֵין כֵּן אוֹיבּ דֶער טַאטֶע מַאכְט שְׁטֶענְדִיג חוֹזֶק פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, בַּיי אִים אִיז נָאר דָא 'זַיין עֶרְלִיכֶע אִידִ' אוּן אַ צְוֵוייטֶער אִיז בַּיי אִים פָּסוּל וּמְפוּסָל וֶועלְן דִי קִינְדֶער מַאכְן אַ צַד הַשָּׁוֶה אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גוּט רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּיז זֵיי וֶועלְן לֵייקֶענֶען אִין אַלְצְדִינְג.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' צו תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וְוי אַזוֹי פַארְרֶעכְט אִיךְ דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

רֵאשִׁית כָּל מוּז אִיךְ גֶעבְּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת אוּן שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אַסַאךְ חִיזוּק אוּן חָכְמַת הַחַיִּים אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה וָואס בַּאדֶערְט מִיר שׁוֹין לַאנְג. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר, אִיךְ הָאבּ ב"ה אַ חָשׁוּבֶע אֵשֶׁת חַיִל אוּן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אַלֶע זַיינֶע חֲסָדִים.

לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אָבֶער נִישְׁט קַיין מְנוּחָה וֶועגְן מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וֶוען אִיךְ בִּין לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט פַארְשִׁידֶענֶע עֲבֵירוֹת, סְפֶּעצִיעֶל אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף אַ רִיכְטִיגֶע הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוֹיף יֶענֶע יָארְן.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג, מַיין שֵׂכֶל אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג רֵייף צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הַארְבְּקֵייט פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן יֶעצְט ווִיל אִיךְ אֶמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה טוּן. אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר צוּ גֶעבְּן אַ קְלָארֶע וֶועג ווִי אַזוֹי פָּטוּר צוּ ווֶערְן פוּן דִי אַלֶע חַטְאוֹת נְעוּרִים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ וַוייטֶער גֶעבְּן כֹּחַ אוּן מֹחַ צוּ מְזַכֶּה זַיין אֶת הָרַבִּים מִיט אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אוּן מֵפִיץ זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוֹיף דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט.

אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים אוּן אַ שִׂמְחַת תָּמִיד.

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, י"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז ווֶער עֶס ווֶעט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אִין אוּמַאן אוּן זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים [קַאפִּיטְל - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - "ווֶעל אִיךְ מִיר לֵייגְן

<<<<<<

>>>>>>

פַארְוָואס אִיז שׁוּשַׁן פּוּרִים אַזוֹי גְרוֹיס? אוּם שׁוּשַׁן פּוּרִים לֵיינְט מֶען דִי מְגִילָּה אִין דִי שְׁטֶעט וָואס זֶענֶען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ מוֹיעֶר פוּן דִי צַייטְן פוּן יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן. יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן אִיז גֶעוֶוען דֶער תַּלְמִיד פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

רֶבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר אִין לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת אַז אַמָאל אִיז דָא וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן הֵיילִיג אַז דִי תַּלְמִידִים קֶענֶען נִישְׁט אַזוֹיפִיל מְקַבֵּל זַיין פוּן אִים, עֶר אִיז צוּ הוֹיךְ פַאר זֵיי. דַאן קוּמְט אָבֶער אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד אוּן עֶר נֶעמְט דִי לִימּוּדִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר גֶעבְּט עֶס אִיבֶּער פַאר אַנְדֶערֶע, אוּן דַאן קֶענֶען פִיל מֶער מֶענְטְשְׁן מְקַבֵּל זַיין פוּן דֶעם צַדִּיק.

וֶוען עֲמָלֵק אִיז גֶעקוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דִי אִידְן, הָאט משֶׁה רַבֵּינוּ אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט זַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ אַז עֶר זָאל גֵיין מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט עֲמָלֵק, אוּן יְהוֹשֻׁעַ הָאט טַאקֶע פַארְטְרִיבְּן דֶעם עֲמָלֵק אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ז) "וַיַּחֲלשׁ יְהוֹשֻׁעַ אֶת עֲמָלֵק וְאֶת עַמּוֹ לְפִי חָרֶב". אוּן דָאס גֵייט אַזוֹי וַוייטֶער אָן אִין אַלֶע דוֹרוֹת. עֲמָלֵק אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן דֶער ס"מ וָואס קוּמְט מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד, עֶר ווִיל אִים נָאר אַוֶועקְנֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּלְמִיד, אַזוֹי ווִי יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן, וָואס זָאל מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דֶעם עֲמָלֵק, אַז עֶר זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אִידְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועגְן אוּן עֵצוֹת ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט עֲמָלֵק, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרַע, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן אִים.

אוּן דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער כֹּחַ פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אוּן לִימּוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט דָאס וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַז מִיר זָאלְן דָאס אוֹיךְ קֶענֶען נוּצְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן שְׁטֶענְדִיג נָאר צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן: "וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן מִיר אֲפִילוּ אֵיין בְּלֶעטְל שְׁמוֹת". מִיטְ'ן כֹּחַ פוּן רֶבִּי נָתָן קֶענֶען מִיר מְקַבֵּל זַיין דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַ וֶועג אִין לֶעבְּן אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּם שׁוּשַׁן פּוּרִים, מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אוּן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים מִיט זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים אוּן דוּרְךְ זֵיי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן שְׁטֶענְדִיג, אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן.

### מָארְגְן מָארְגְן נָאר נִישְׁט הַיינְט

מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי מִלְחָמָה פוּן עֲמָלֵק (שְׁמוֹת י"ז, ט') אַז משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר יְהוֹשֻׁעַ: "צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק מָחָר" - גֵיי אַרוֹיס אוּן הַאלְט מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק "מָארְגְן". דָאס אִיז דִי עֵצָה פוּן עֲמָלֵק, דִי עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, וָואס פְּרוּבִּירְט שְׁטֶענְדִיג אָפְּשְׁטוּפְּן זַאכְן אוֹיף מָארְגְן. "הַיינְט אִיז שׁוֹין סַיי ווִי נִישְׁט קַיין גוּטֶער טָאג, עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט גוּט הַיינְט, מָארְגְן וֶועסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין". אַ אִיד טָאר זִיךְ אָבֶער נִישְׁט לָאזְן פוּן עֲמָלֵק, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אַרַיינְצוּכַאפְּן "הַיינְט" ווִיפִיל מֶען קֶען. אֲפִילוּ דֶער טָאג אִיז שׁוֹין כִּמְעַט פַארְבַּיי, דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן עֶפֶּעס אַרַיינְצוּכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, אַבִּיסְל תּוֹרָה, אַבִּיסְל תְּפִלָּה, אוּן אַבִּיסְל מִצְוֹת. כָאטְשׁ ווִיפִיל מֶען קֶען נָאךְ. וַוייל טַאקֶע "הַיינְט" אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער טָאג וָואס מֶען קֶען נָאנְט ווֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְקֶערְט, מֶען דַארְף אַרוֹיסְכַאפְּן דִי גֶעוֶוער פוּן דִי הֶענְט פוּן דִי פַיינְט אוּן עֶס נוּצְן קֶעגְן זֵיי. וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ עֲבֵירוֹת, צוּ טוּן זַאכְן קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן דַארְף מֶען אִים אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן... "הַיינְט ווִיל אִיךְ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל כָאטְשׁ בִּיז בַּיינַאכְט, מָארְגְן ווֶעלְן מִיר זֶען וַוייטֶער". אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן טַאקֶע מִיט דִי זֶעלְבֶּע עֵצָה. וַוייל אֵיינְמָאל מֶען שְׁטוּפְּט אָפּ אַ זַאךְ, ווֶעט מֶען עֶס שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל טוּן שְׁפֶּעטֶער.

מִיר גֶעפִינֶען דָאס אִין דִי מְגִילָּה (אֶסְתֵּר ה, ד) וֶוען אֶסְתֵּר הָאט גֶעזָאגְט "יָבֹא הַמֶּלֶךְ וְהָמָן הַיּוֹם". אִין דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי ווֶערְטֶער אִיז מְרוּמָּז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען. אֶסְתֵּר הָאט דָא מְרַמֵּז גֶעוֶוען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ "הַיּוֹם" - טַאקֶע הַיינְט. יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג קֶען מֶען נָאנְט ווֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן אַז דֶער טָאג אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶער טָאג, הַיינְט קֶען מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

וֶוען עֶס אִיז אָבֶער גֶעקוּמֶען בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן אַחַשְׁוֵרוֹשׁ מִיט הָמָן הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט ווִיסְן וָואס אֶסְתֵּר ווִיל דָא מִיט דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, דַאן הָאט זִי גֶעזָאגְט "וּמָחָר אֶעֱשֶׂה כִּדְבַר הַמֶּלֶךְ" - זִי הָאט גֶענוּצְט דִי עֵצָה קֶעגְן זֵיי, "מָארְגְן" ווֶעל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן, מָארְגְן ווֶעל אִיךְ זִיךְ צוּהֶערְן צוּ וָואס אִיר הָאט צוּ פַארְצֵיילְן. אוּן מִיט דֶעם הָאט זִי טַאקֶע אוּנְטֶער גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם הָמָן, מָארְגְן הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט זַיין מַפָּלָה, מֶען הָאט גֶעהָאנְגֶען הָמָן אוּן אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ. מִיט דֶעם וָואס שְׁטוּפְּט אָפּ דֶעם יֵצֶר הָרַע אוֹיף מָארְגְן, אוּן מָארְגְן שְׁטוּפְּט מֶען אִים אוֹיף אִיבֶּערְמָארְגְן, דָאס בְּרֶענְגְט זַיין גַאנְצֶע מַפָּלָה.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי חָכְמָה פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּן אַחַשְׁוֵרוֹשׁ (אֶסְתֵּר ט', י"ג) "יִנָּתֵן גַּם מָחָר לַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּשׁוּשַׁן לַעֲשׂוֹת כְּדָת הַיּוֹם" - זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אַז מָארְגְן זָאל מֶען טוּן אִין שׁוּשַׁן אוֹיךְ אַזוֹי ווִי הַיינְט. דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז מָארְגְן ווֶעל אִיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע ווִי הַיינְט, אַזוֹי ווִי הַיינְט הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט דֶעם יֵצֶר הָרַע אוֹיף מָארְגְן, דִי זֶעלְבֶּע ווֶעל אִיךְ טוּן מָארְגְן אַז אִיךְ ווֶעל אִים אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף אִיבֶּערְמָארְגְן.

**הַיינְט ווִיל אִיךְ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, כָאטְשׁ בִּיז בַּיינַאכְט, מָארְגְן ווֶעלְן מִיר זֶען וַוייטֶער...**

דָאס אִיז דִי כֹּחַ פוּן שׁוּשַׁן פּוּרִים וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן אָפְּשְׁטוּפְּן דֶעם יֵצֶר הָרַע אוֹיף מָארְגְן, אָבֶער דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת דָאס זָאלְן מִיר נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן, נָאר דָאס זָאלְן מִיר טוּן הַיינְט. מִיר זָאלְן אוֹיסְנוּצְן יֶעדְן טָאג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיר זָאלְן אַרַיינְכַאפְּן יֶעדְן טָאג גוּטֶע זַאכְן, אוּן דַאן וֶוען מִיר מַצְלִיחַ זַיין אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי ווֶעלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עַל יְמֵי הַפּוּרִים הַקְּדוֹשִׁים)

# נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער

דִי נַאטוּר פוּן קִינְדֶער אִיז אַז זֵיי הָאבְּן לִיבּ צוּ שְׁפְּרִינְגֶען אוּן טַאנְצְן, צוּ ווִילְדֶעוֶועןּ אוּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַאר זֵיי. מִיט דֶעם וָואס אַ קִינְד גֶעבְּט זִיךְ אוֹיס זַיין עֶנֶערְגִיֶע, עֶר שְׁרַייט אוּן פַארְפִּירְט אוּן ווִילְדֶעוֶועט, דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף זַיין מֹחַ אוּן עֶר וַואקְסְט אַ גֶעזוּנְט קִינְד אוּן וֶוען עֶר וַואקְסְט אוֹיף הָאט עֶר אַ קְלָארֶע גֶעזוּנְטֶע מֹחַ אוּן עֶר קֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען אָבֶּער דִי עֶלְטֶערְן אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר עֶלְטֶער פוּן זֵיי, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעדוּלְד צוּ דִי אַלֶע קִינְדֶערִישֶׁע נַארִישְׁקֵייטְן. דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן שׁוֹין אַנְדֶערֶע דַאֲגוֹת אוֹיפְ'ן קָאפּ, זֵיי שְׁלֶעפְּן שְׁוֶוערֶע זֶעק פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע פְּלֵייצֶעס. זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, זֵיי זוּכְן פוּן וואוּ צוּ נֶעמֶען גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת אוּן צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, זֵיי הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן. זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶענוּג דַאֲגוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם דִי צְוֵויי אַנְדֶערֶע סָארְט וֶועלְטְן - דִי עֶלְטֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער, דַאן וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאבְּלֶעם. דִי קִינְדֶער ווִילְן נָאר דֶערְצֵיילְן, רֶעדְן אוּן פְרֶעגְן אִיבֶּער זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע קִינְדֶערִישֶׁע לֶעבְּן. דִי סָארְט זַאכְן וֶועלְכֶע אִינְטֶערֶעסִירְן בִּכְלָל נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גָאר וֵויינִיג גֶעדוּלְד זֵיי אוֹיסְצוּהֶערְן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי. אוּן נָאכְדֶערְצוּ וֶוען דִי קִינְדֶער רֶעדְן נִישְׁט מִיט עֶרְנְוָואקְסְנְקֵייט, זֵיי רֶעדְן נָאךְ אוֹיךְ מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶערִישֶׁע וֶועג, מִיט קוֹלוֹת וּבְרָקִים, מִיט גֶעשְׁרֵייעֶן אוּן גֶעוואַלְדֶעס, וָואס דָאס צִיט אַרוֹיס דָאס לֶעצְטֶע בִּיסְל נֶערְוֶוען אוּן מַארְךְ פוּן דִי עֶלְטֶערְנְ'ס מֹחַ.

ווִי אַזוֹי בַּאהַאנְדְלְט מֶען אַזַא סִיטוּאַצְיֶע? אִיז דָא בַּיי דֶעם צְוֵויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי עֶלְטֶערְן קֶענֶען צוּגֵיין צוּ אַזַא מַצָּב - אַ מַצָּב וָואס שְׁפִּילְט זִיךְ אָפּ יֶעדְן טָאג אִין יֶעדֶע קִינְדֶער-גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּבּ. אֵיין וֶועג אִיז דָא אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן מִיט זֵייעֶר ווִילְדֶע אוּן קִינְדֶערִישֶׁע כֹּחַ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי כֵּלִים, דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵיי, דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֵיי אַרָאפְּלָאזְן אַפָּאר גוּטֶע פֶּעטְשׁ, אוּן מִיט דֶעם אַיינְשְׁטִילְן דִי קִינְדֶער. דִי גַאנְצֶע אָנְגֶעזַאמְלְטֶע וֵוייטָאג אוּן דְרוּק וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג וֶועלְן זֵיי אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן דִי קִינְדֶער. זֵיי וֶועלְן קְלָאר שְׁטֶעלְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין וֶועג אוּן דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ פַארְפִירְן אוּן ווִילְדֶעוֶועןּ, צוּ פְרֶעגְן נַארִישֶׁע קֻשְׁיוֹת, אוּן בַּאמוּטְשֶׁען דִי עֶלְטֶערְן מִיט זֵייעֶר נַארִישֶׁע אַנְגֶעלֶעגְנְהֵייטְן.

וָואס וֶועט אָבֶּער זַיין דִי רֶעזוּלְטַאטְן פוּן אַזַא סָארְט אוֹיפְפִירוּנְג? וָואס וֶועט דָאס בְּרֶענְגֶען פַאר דִי קִינְדֶער? קוֹדֶם וֶועט דָאס בִּכְלָל נִישְׁט הֶעלְפְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ בַּארוּאִיגְן אוּן זַיין שְׁטִיל. דָאס שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי אוּן זֵיי שְׁלָאגְן וֶועט נָאר מַאכְן אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן מֶער שְׁלֶעכְט אוּן נָאךְ מֶער פַארְפִירְן אוּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן אָנְזֵייעֶן ווִי מֶער חֻרְבָּנוֹת. אוּן דֶערְנָאךְ וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן זִיךְ נָאךְ מֶער אוֹיפְרֶעגְן אוּן נָאךְ מֶער אָנְשְׁרַייעֶן אוּן דֶערְשְׁרֶעקְן דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְן צוּ זַיין צֶעווִילְדֶעוֶועט, בִּיז זֵיי וֶועלְן סוֹף כָּל סוֹף מַצְלִיחַ זַיין אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער אַזַא פַּחַד אוּן שְׁרֶעק אַז זֵיי זָאלְן צִיטֶערְן אַרוֹיסְצוּזָאגְן אַ הוֹיךְ וָוארְט, אוּן דַאן זֶענֶען דִי קִינְדֶער גֶע'הַרְגְ'ט אוֹיף אֵייבִּיג, פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ.

ווִי גֶעזָאגְט זֶענֶען קִינְדֶער גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן נִישְׁט צוּ קֶענֶען אַיינְזִיצְן. מִיט דֶעם וָואס מֶען בִּינְדְט זֵיי דִי הֶענְט אוּן פִיס אוּן מֶען לָאזְט זֵיי זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן, מִיט דֶעם הַרְגְ'ט מֶען אַוֶועק זֵייעֶרֶע גֶעפִילְן אוּן זֵייעֶר מֹחַ, זֵיי פַארְלִירְן זֵייעֶר מוּט אוּן חַיּוּת, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר זֵיי מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין לֶעבְּן.

קִינְדֶער זֶענֶען רוֹיעֶ דִיאַמַאנְטְן. אוֹיבּ הָאט מֶען אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת זֵיי אוֹיסְצוּשְׁלֵייפְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַאן וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן זֵיי הֶערְלִיכֶע טֵייעֶרֶע דִיאַמַאנְטְן, זֵיי וֶועלְן בְּלִיטְשְׁקֶענֶען אוּן שַׁיינֶען אוּן עֶס וֶועט זַיין אַ נַחַת צוּ קוּקְן אוֹיף זֵיי. אוֹיבּ אָבֶּער פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעדוּלְד אוּן מֶען צוּבְּרֶעכְט זֵיי, דַאן וֶועלְן זֵיי בְּלַייבְּן רוֹיעֶ צוּבְּרָאכֶענֶע שְׁטֵיינְדְלֶעךְ וָואס זֶענֶען וֶוערְט צוּ גָארְנִישְׁט.

אוֹיבּ ווִיל מֶען אוֹיפְצִיעֶן גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ הָאפְט מֶען צוּ זֶען נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דַאן קֶען מֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן צוּ דִי שְׁטַאפְּל פוּן דִי עֶלְטֶערְן, ווַייל דֶערְוַוייל זֶענֶען זֵיי נָאךְ קִינְדֶער. עֶס דַארְף גֵיין פַארְקֶערְט, דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי דַרְגָא פוּן דִי קִינְדֶער. דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן פַארְשְׁטֵיין אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר אֵייגְנַארְטִיגֶע וֶועג פוּן רֶעדְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן, דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַוֶועקְלֵייגְן אִין דִי זַייט אַלֶע זֵייעֶרֶע פֶּערְזֶענְלִיכֶע דַאֲגוֹת, אוּן זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶערִישֶׁע שְׁטַאפְּל, זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִינֶעם מֹחַ פוּן דִי קִינְדֶער.

מֶען דַארְף אוֹיסְהֶערְן זֵייעֶרֶע עֶרְצֵיילוּנְגֶען, יֶעדֶעס קִינְד וָואס עֶר הָאט צוּ דֶערְצֵיילְן לוֹיט זַיין יָארְגַאנְג. אוֹיסְהֶערְן זֵייעֶרֶע פְרַאגֶעס מִיט גְרוֹיס אִינְטֶערֶעס אוּן פְּרוּבִּירְן זֵיי צוּ עֶנְטְפֶערְן לוֹיט זֵייעֶר שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד. דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזוֹי ווִי זֵיי וָואלְטְן גֶעוֶוען קִינְדֶער אִינֶעם זֶעלְבְּן עֶלְטֶער, אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע אִינְטֶערֶעסְן ווִי דִי קִינְדֶער, אוּן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער מִיט זֵייעֶר קִינְדֶערִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ. דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן שְׁפִּילְן מִיט זֵיי דִי קִינְדֶערִישֶׁע שְׁפִּילְן, דִי סָארְט וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ. וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן דָאס, וֶוערְט זֵייעֶר הַארְץ גֶעפַאנְגֶען צוּ דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי הָאבְּן לִיבּ דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי שְׁפִּירְן אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אוֹיף זֵייעֶר זַייט, אַז דִי עֶלְטֶערְן פַארְשְׁטֵייעֶן זֵיי, זֵיי פִילְן מִיט מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶערִישֶׁע דַאֲגוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶערִישֶׁע פְרֵיידְן.

וֶוען דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען דִי גֶעפִיל, דַאן וֶועלְן זֵיי שׁוֹין הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי זֶעעֶן אַז דִי עֶלְטֶערְן מֵיינֶען נָאר זֵייעֶר טוֹבָה, אוּן זֵיי וֶועלְן מִיט פְרֵייד פָאלְגְן וָואס דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֵיי נָאר הֵייסְן. דִי גוּטֶע רֶעזוּלְטַאטְן וֶועלְן זִיךְ דֶערְקֶענֶען סַיי אוֹיף דִי מִינוּט אוּן סַיי אוֹיף שְׁפֶּעטֶער. סַיי יֶעצְט וֶועלְן דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטֵיין צוּ פָאלְגְן וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי רוּאִיג אוֹיף זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אוּן סַיי שְׁפֶּעטֶער וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, אוּן נִישְׁט זַיין קֵיין צוּקְלַאפְּטֶע מֶענְטְשְׁן.

דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע אוֹיפְגַאבֶּע, בִּכְלָל נִישְׁט לַייכְט. צוּ דֶעם דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן פִיל גֵייסְטִישֶׁע כּוֹחוֹת, זֵיי דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען נִישְׁט צוּ לָאזְן אַז זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זָאלְן אַפֶּעקְטִירְן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי זֵיי רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער. אָבֶּער דִי פֵּירוֹת וָואס וֶועלְן אַרוֹיסְקוּמֶען דֶערְפוּן וֶועלְן זַיין אַזוֹי זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק אַז עֶס וֶועט בְּרֵייט אוֹיסְצָאלְן דִי הָארְעוַואנְיֶע. דִי קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן שֶׁעפְּן הוֹיפְנְס נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

(קוּנְטְרֵס גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער)

>>>>>>
אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית". דֶערְפַאר אַז דוּ ווִילְסְט פַארֶערְכְטְן וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶועןּ אִין דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרִיבֶּערְכַאפְּן קֵיין אוּמַאן צוּ זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארֶערְכְטְן אַלֶעס.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל; דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א): יֶעדֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה, סַיי אַ מִצְוַת עֲשֵׂה סַיי אַ מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶועןּ אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְווֹת, סַיי בְּשׁוֹגֵג סַיי בְּמֵזִיד; וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"; ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה? מֶען זָאל אַזוֹי זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "חָטָאתִי, עָוִיתִי, פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ", אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה, "וַהֲרֵי נִחַמְתִּי", אָבֶּער אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, "וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי", אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, "וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה", וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ מִתְוַודֶה צוּ זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

אַז דוּ ווִילְסְט פַארֶערְכְטְן דַיינֶע זִינְד פוּן דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין.

וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחֻקּוֹתַי): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחֲמָנוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן
זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

BreslevCenter.com\answers


די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".
צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 646-334-2858




# אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ

חֲזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין ל:) עֶס אִיז דָא דְרֵיי שׁוּתְּפִים אִין אַ מֶענְטְשׁ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער טַאטֶע, אוּן דִי מַאמֶע. אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מַאכְן זִיךְ אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, קוּמְט נָאר פוּן דֶעם וָואס מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם דְרִיטְן אוּן עִיקַר שׁוּתָּף, וָואס דָאס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דִי מַאן אוּן וַוייבּ מֵיינֶען אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן, זֵיי מֵיינֶען אַז זֵייעֶר שְׁטוּבּ לִיגְט נָאר אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט, אוּן זֵיי פַארְגֶעסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס פִירְט יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן נָאר עֶר אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט זִיךְ אָפּ אוֹיךְ מִיט זֵייעֶר הוֹיז.

אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי קְרִיגֶערַייעֶן אִין שְׁטוּבּ. יֶעדֶער וַוארְפְט אַרוֹיף דִי שׁוּלְד אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן וֶוען עֶס פַּאסִירְט סַיי וֶועלְכֶע פְּרָאבְּלֶעם אִין שְׁטוּבּ. אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. יֶעדֶע שְׁוֶוערִיקַייט וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ אִיז נָאר אַ דֶערְמַאנוּנְג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים. אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, הוֹיבְּט עֶר צוּ וַוארְפְן דִי שׁוּלְד אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם, עֶר הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּ קְרִיגְן מִיט יֶעדְן, אָבֶּער דָאס הֶעלְפְט אִים גָארְנִישְׁט אַרוֹיס. דֶער אֱמֶת'עֶר עֵצָה אִיז נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים, צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט נִישְׁט רִיכְטִיג, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס וֶוערְן מְסוּדָר אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם.

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער פְּרָאבְּלֶעם וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט. חֲזַ"ל זָאגְן (תְּמוּרָה ט"ז.) אַז וִוי נָאר עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי פַּרְנָסָה אִין שְׁטוּבּ, הוֹיבְּט זִיךְ גְלַייךְ אָן דִי קְרִיגֶערַייעֶן. דָאס קוּמְט אוֹיךְ וַוייל מֶען פַארְגֶעסְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט פַּרְנָסָה. מֶען זֶעט לַיידֶער פִילֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער וָואס זֶענֶען צֶעשְׁטֶערְט גֶעוָוארְן בְּלוֹיז וַוייל עֶס הָאט גֶעפֶעלְט פַּרְנָסָה. דֶער מַאן הָאט פַארְלוֹירְן זַיין שְׁטֶעלֶע, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ גֶענוּג אוּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן, אוּן אַנְשְׁטָאט אַז דִי פְּרוֹי זָאל אִים שְׁטֵיין צוּ דִי הַאנְט אוּן אִים שְׁטַארְקְן אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטֶע אוּן בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסָה, אוּן אַרַיינְגֶעבְּן אִין אִים אַ מוּט אַז עֶר זָאל הָאבְּן דִי חֵשֶׁק צוּ גֵיין זוּכְן אַ גוּטֶע שְׁטֶעלֶע אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען גֶעלְט אִין שְׁטוּבּ, אַנְשְׁטָאט דֶעם הוֹיבְּט זִי אִים אָן צוּ פַארְשֶׁעמֶען אוּן דֶערְנִידֶערְן בִּיז עֶר פַארְלִירְט זַיין מוּט, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ גֵיין זוּכְן פַּרְנָסָה, הוֹיבְּט עֶר נָאר אָן זִיךְ צוּרִיק צוּ קְרִיגְן בִּיז עֶס וֶוערְט פוּן דֶעם אַ גְרוֹיסֶער פַייעֶר, אוּן עֶס הַאלְט שׁוֹין בַּיי אַ גֶט רח"ל.

וֶוען מֶען זָאל אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁרַייעֶן אוֹיפְ'ן מַאן, נָאר מֶען וֶועט שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל שִׁיקְן גֶעלְט אוּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע. בֵּיידֶע, סַיי דֶער מַאן אוּן סַיי דִי פְּרוֹי, וֶועלְן נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל אַרַיינְקוּמֶען דִי שֶׁפַע, אוּן דַאן וֶועלְן זֵיי סַיי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט פַּרְנָסָה, אוּן סַיי עֶס וֶועט הֶערְשְׁן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן פְרִידְן אִין שְׁטוּבּ.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַ מַאן וָואס אִיז קַארְג אוּן וִויל נִישְׁט גֶעבְּן גֶענוּג גֶעלְט פַאר זַיין וַוייבּ, דָאס קוּמְט אוֹיךְ נָאר פוּן דֶעם וַוייל עֶר הָאט פַארְגֶעסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דָאס גֶעלְט, עֶר מֵיינְט אַז עֶר אַלֵיין אִיז דֶער וָואס שַׁאפְט דִי גֶעלְט, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז עֶר אַזוֹי קַארְג דֶערְמִיט. וֶוען עֶר זָאל אָבֶּער הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, וֶועט עֶר נִישְׁט אַזוֹי קַארְגְן אוֹיף דִי גֶעלְט, אוּן עֶר וֶועט גֶעבְּן גֶענוּג גֶעלְט בְּשֶׁפַע פַאר זַיין וַוייבּ.

אוּן וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן שׁוּתְּפִים אִינְאֵיינֶעם אִין דִי קִינְדֶער. אוּן מֶען דַארְף זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט וָואס דֶער דְרִיטֶער שׁוּתָּף, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאט צוּ זָאגְן וֶועגְן דִי קִינְדֶער. וֶוען דִי מַאן אוּן וַוייבּ זֶענֶען אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט אַז זֵיי הַאלְטְן שׁוֹין בַּיי אַ גֶט ח"ו, דַאן קְלֶערְן זֵיי נִישְׁט פוּן דִי קִינְדֶער, זֵיי כַאפְּן נִישְׁט דִי הַארְבְּקַייט פוּן דִי זַאךְ. זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אַז זֵיי הַרְגֶ'עֶנֶען דִי קִינְדֶער אִינְגַאנְצְן.

קִינְדֶער קוּקְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרוֹיף אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי זֶעעֶן בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אִיז בַּיי זֵיי הֵיילִיג אוּן טַייעֶר. אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אוּן שְׁלָאגְן זִיךְ, לָאזְט דָאס אִיבֶּער אוֹיף דִי קִינְדֶער אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער שָׁאדְן אוֹיף אֵייבִּיג.

דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן: "מִיר דַארְפְן טוּן וָואס סְ'אִיז גוּט פַאר אוּנְז, מִיר וֶועלְן זִיךְ גֶט'ן אוּן יֶעדֶער וֶועט זִיךְ גֵיין זַיין וֶועג, אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין צוּ אַלֶע רוּחוֹת". דָאס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע אַכְזָרִיוּת אוּן רִשְׁעוּת וָואס הָאט נִישְׁט זַיינְס גְלַייכְן. אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַרְגְ'ט אַ צְוֵוייטְן אִיז דָאךְ אַ גֶעפֶערְלִיכֶער רָשָׁע אוּן רוֹצֵחַ. אוּן נָאךְ מֶער וֶוען אֵיינֶער הַרְגְ'ט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אוּן נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע רְצִיחָה אִיז וֶוען מֶען הַרְגְ'ט דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער רח"ל. אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ וָואס עֶלְטֶערְן טוּעֶן וֶוען זֵיי גֶט'ן זִיךְ רח"ל. בְּלוֹיז פַאר דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער וָואלְטְן זִיךְ דִי עֶלְטֶערְן גֶעדַארְפְט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן צוּ טוּן דֶעם שְׁוֶוערְן אַקְט.

לָאמִיר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט. אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט. מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן זִיךְ מְכַבֵּד זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם וֶועלְן זֵיי אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי הֶעלְפְן, אוּן זֵיי וֶועלְן לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה אַלֶע דְרֵיי שׁוּתְּפִים אִינְאֵיינֶעם. (קוּנְטְרֵס זִיךְ גֶט'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## קמחא דפסחא קאמפיין

כאטש וואס מיר האלטן נאך אין די פרייליכע פורים טעג, האט זיך אבער שוין אנגעהויבן די קמחא דפסחא קאמפיין צוזאם צו שטעלן געלט צו קענען אויסצאלן אלע איינגעשטעלטע אין אונזערע מוסדות אויף פסח.

דאס יאר הויבט מען אן דעם קאמפיין פריער ווי געווענליך צוליב דעם אויסנאם שווערע פינאנציעלע מצב אין וואס די מוסדות געפונען זיך יעצט. ברוך ה' אז די מוסדות האלטן אין איין וואקסן, און מיט דעם וואקסט מיט די גרויסע הוצאות.

עס האלט יעצט ביי א מצב אז מען איז שולדיג גאר אסאך געלט פאר די איינגעשטעלטע פון די מוסדות, פון די ישיבה, פון די תלמוד תורה און די מיידל סקול. דעריבער האט מען שוין אנהויבן דעם קאמפיין, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועלן זיך אידישע קינדער אנרופן זייערווארעם ארויסצוהעלפן די הייליגע מוסדות.

אין די לעצטע יארן איז דער קאמפיין געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגע הצלחה מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, אידן האבן זיך זייער ווארעם אנגערופן מיט גרעסערע סכומים, און מען האט געקענט אויסצאלן אלע איינגעשטעלטע פאר פסח און זיי פארשאפט א שמחת יום טוב. מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועלן אידן זיך אנרופן ווארעם אויך דאס יאר, און מיט דעם האבן א גלייכע חלק אין די הייליגע ארבעט.

אויף זיך צו באטייליגן אינעם קאמפיין, רופט אריין אין אפיס איבערצוגעבן אייער ברייטהארציגע נדבה, **718-384-1652 #101**

**כל דכפין ייתי ויכול!**


בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

## סעודת שושן פורים

## עם סעודת מלוה מלכה רבתי

וועט פארקומען אי"ה דעם מוצאי שב"ק

בהיכל בית מדרשינו

27 Skillman St.

בשעה 9:30

**א הערליכע פלעי וועט אי"ה געשפילט ווערן דורך די בחורים און אינגעלייט**

הגבאים

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

## אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שויו 845-248-1651**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**